בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער איוף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

**מיתת צדיקים מכפרת | יעדער מענטש קומט אויף די וועלט צו פארריכטן א געוויסע זאך | מ'קען דאס מעסטן לויט וואס מ'איז דורכגעפאלן | גענצליכע תשובה איז ווען מ'פאַרעכט וואס מ'האט קאַליע געמאכט**

**וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ וגו' בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ וגו' (טז, א - ג):** דער מדרש ברענגט אראפ דער באקאנטע מאמר חז"ל (ויקרא רבה כ, יב):

**אמר ר' חייא בר אבא: באחד בניסן מתו בניו של אהרן, ולמה מזכיר מיתתן ביום הכיפורים? אלא מלמד 'שכשם שיום הכיפורים מכפר כך מיתתן של צדיקים מכפרת'.**

**ומנין שיום הכיפורים מכפר? שנאמר** (ויקרא טז, ל), **כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם. ומנין שמיתתן של צדיקים מכפרת? דכתיב** (שמואל ב' כא, יד), **וַיִּקְבְּרוּ אֶת עַצְמוֹת שָׁאוּל. וכתיב** (שם), **וַיֵּעָתֵר אֱלֹהִים לָאָרֶץ אַחֲרֵי כֵן.**

די תורה דערמאנט די פרשה פון 'מיתת שני בני אהרן' אין די זעלבע פרשה פון 'יום כיפור'. צו לאזן הערן, פונקט ווי יום כיפור איז א טאג וואס אלע עבירות ווערט פארצייעט, אזוי אויך ווען א צדיק ווערט נפטר ווערט פארצייעט די עבירות פונעם דור.

❖❖❖

מען קען ערקלערן דער טעם פארוואס 'מיתת צדיקים' איז מכפר אויף עבירות פונעם דור, מיטן צושטעלן א צווייטע מאמר חז"ל (ויק"ר כא, ה), אויפן פסוק **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ**. זאגט דער מדרש, **זה שאמר הכתוב** (משלי כד, ו), **כִּי בְתַחְבֻּלוֹת תַּעֲשֶׂה לְּךָ מִלְחָמָה. ר"נ ור"א בשם רבי סימון אמר אם עשית חבילות של עבירות עשה כנגדן חבילות של מצות וכו'**. אויב איינער האט געטון אסאך עבירות, דארף ער אנטקעגן דעם טון אסאך מצות.

מען קען דאס ערקלערן לויט ווי עס ווערט געברענגט פון 'אריז"ל', יעדער מענטש קומט אראפ אויף די וועלט פאר א געוויסע תכלית, צו פארריכטן א געוויסע זאך וואס ער האט פוגם געווען אין א פריערדיגע גילגול.

ווילאנג דער מענטש האט נישט פאַרראָכטן זיין תיקון, האט זיך נישט געלוינט פאר זיין נשמה אראפצוקומען אויף די וועלט. (און אויב איז ער האט דאס נישט מתקן, וועט די נשמה דארפן נאכאמאל אראפקומען אויף די וועלט צו פארריכטן און האבן א תיקון).

עס שטייט פון הרה"ק 'רבי חיים וויטאל' ז"ל (עץ חיים פמ"ט פ"ה), דער יצר הרע טוט זיך ספעציעל פארלייגן אויף א מענטש ער זאל נישט קענען מתקן זיין דאס געוויסע זאך וואס ער דארף פארריכטן און מאכט דאס עקסטער שווער צו אויספירן. (דעריבער שטייט אין ספה"ק, א מענטש קען מעסטן ביי זיך, וואס איז דער זאך וואס ער דארף פארריכטן לויט וויפיל שוועריקייטן ער האט אין דעם).

דעריבער זאגט דער מדרש, אויב איינער האט געטון עבירות איז נישט גענוג ער זאל תשובה טון אויף די עבירות, אפילו וואס דורך תשובה וועט נתכפר ווערן זיינע עבירות און וועט נישט באשטראפט ווערן, פאָרט האט ער נאכנישט ערפילט זיין תכלית מיטן פארריכטן זיין תיקון.

נאר כדי צו האבן זיין תיקון און דערגרייכן א גענצליכע תשובה, זאל ער אנטקעגן דעם טון אסאך מצות, אזוי ארום וועט ער אנקומען צו זיין תכלית.

ער זאל טון מצות אין דער נושא וואס ער איז נכשל געווארן, וויבאלד מיט וואס ער איז נכשל געווארן איז א סימן אז דאס דארף ער מתקן זיין צו האבן זיין תיקון.

❖❖❖

מיט דעם קען מען פארטייטשן די פאלגענדע פסוקים אין 'תהלים' (קיט, א - ג): **אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'. אַשְׁרֵי נֹצְרֵי עֵדֹתָיו בְּכָל לֵב יִדְרְשׁוּהוּ. אַף לֹא פָעֲלוּ עַוְלָה בִּדְרָכָיו הָלָכוּ.**

דוד המלך זאגט: **אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'**, וואויל זענען די צדיקים וואס האבן קיינמאל נישט געזינדיגט, זיי ווערן אנגערופען 'תמים' - גאנץ, זיי האבן קיינמאל נישט פוגם געווען אין זייער נשמה.

**אַשְׁרֵי נֹצְרֵי עֵדֹתָיו**, וואויל זענען די בעלי תשובה וועלכע האט תשובה געטון אויף זייערע עבירות און ווערן אנגערופען 'נוצרי עדתיו'. און **בְּכָל לֵב יִדְרְשׁוּהוּ**, זיי טון בעטן דער באשעפער זאל זיי פארגעבן אויף זייערע עבירות.

און צוליב דעם, **אַף לֹא פָעֲלוּ עַוְלָה**, זיי טון מער נישט קיין עבירות וואס דאס איז 'סור מרע'. אבער מער פון דעם, **בִּדְרָכָיו הָלָכוּ**, זיי טון 'עשה טוב', זיי טוען מצות אינעם הינזיכט פון וואס זיי האבן געזינדיגט, דערמיט זענען זיי מתקן זייער תיקון, וואס דער אויבערשטער האט זיי אראפ געשיקט אויף די וועלט צו פארריכטן. און זיי ווייסן וואס דאס איז, לויט וואס זיי האבן מקלקל געווען, ווייסן זיי וואס זיי האבן צו פארריכטן אויף די וועלט.

❖❖❖

מיט דעם קען מען ערקלערן די פארבינדונג צווישן יום כיפור און מיתת צדיקים. ווען א צדיק הדור ווערט נפטר, טוט דאס ערוועקן די דור וואס האט געזינדיגט מיט דעם וואס מ'האט נישט צוגעהערט צו דער צדיק און נישט אויסגעהערט זיין מוסר און תוכחות, און דורכדעם האט מען פוגע געווען אין זיין כבוד.

דעריבער ווען דער צדיק ווערט נפטר און מ'טיילט אים צו כבוד ווי עס פאסט, טוט מען אויך תשובה אויף די אלע שלעכטע מעשים, און מען טוט פארריכטן אלע זאכן וואס מ'האט קאליע געמאכט.

ממילא, אויסער דעם וואס מ'טוט תשובה, טוט מען אויך פאַררעכטן די אלע זאכן וואס מ'האט מקלקל געווען, וואס דאס איז דער עיקר וואס א מענטש דארף אויפטון אויף די וועלט צו אויספירן זיין תכלית. דעריבער פארשטייט פארוואס 'מיתת צדיקים מכפרת', וויבאלד די סארט תשובה וואס מען טוט דעמאלטס תשובה, איז דער ריכטיגע תשובה מיט דער תכלית וואס א מענטש דארף טון אויף די וועלט.

(פרשתינו אות א')

**וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים | נשמה איז דער געטליכער טייל פון א מענטש | רוח און נפש זענען די גשמיות'דיגער טיילן**

**דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם (יט, ב):** עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (ילקוט שמעוני רמז תקמ"ו) אויפן פסוק (ויקרא יא, מד), **וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אָנִי**. דרש'ענט דער מדרש, **'כשם שאני קדוש כך אתם תהיו קדושים, כשם שאני פרוש כך אתם תהיו פרושים'**. דער אויבערשטער זאגט צו כלל ישראל,

די המשך איז אין עמוד ב'

הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

אזוי ווי איך בין הייליג, אזוי דארפן ענק זיין הייליג. און אזוי ווי איך בין אפגעשיידט פון גשמיות אזוי אויך דארפן ענק זיין אפגעשיידט פון גשמיות.

שטעלט זיך די קשיא, ווי אזוי קען מען פארלאנגען פון א מענטש וואס האט א גוף פול מיט תאוות, אז ער זאל דארפן זיין הייליג און אפגעשיידט אזוי ווי דער אויבערשטער?

נאר מען קען ערקלערן די טיפקייט פונעם פסוק. א מענטש איז צוזאמגעשטעלט פון א נשמה מיט א גוף (רוח) און א נפש. די נשמה פון מענטש איז א הייליגע זאך וואס האט נישט קיין פארבינדונג מיט הנאה גופניות (גשמיות), וויבאלד דאס איז א געטליכער זאך וועלכע איז א **'חלק אלוקי ממעל'**.

דאקעגן דער גוף (רוח) פון א מענטש איז א גשמיות'דיגער זאך, וואס זינדיגט מיט אומריכטיגע מחשבות און שלעכטע הרהורים, און דער נפש זינדיגט במעשה.

מיט דעם קען מען ערקלערן פשט אין פסוק, דאס איז מרמז אויפן נשמה וואס איז א 'חלק אלוקי ממעל', וואס די נשמה זאגט צו דער רוח און נפש, אזוי ווי איך בין קדוש און פרוש, אזוי אויך דארפן ענק זיין קדוש ופרוש.

(פרשתינו סוף אות א')

### דאָפּעלטע לשון 'הוכח תוכיח' | ריכטיגע תוכחה טוט פארמערן ליבשאפט צו דער מוכיח | ערשטע מאל תוכחה טוט בלויז ערוועקן דאס הארץ פונעם חוטא

**לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא (יט, יז):** די גמרא (מסכת בבא מציעא דף לא.) דרש'ענט די דאפעלטע לשון אינעם פסוק 'הוכח תוכיח'. זאגט די גמרא דאס קומט צו לערנען **'אפילו מאה פעמים'**, דער פליכט צו מוכיח זיין א צווייטן איז אפילו הונדערט מאל.

מיינסטנס ווען איינער איז מוכיח א צווייטן וועט יענער נישט צוהערן צו דאס ערשטע מאל וואס מ'זאגט אים מוסר, נאר די ערשטע הוכחה וועט ערוועקן זיין הארץ צו אפלאזן די עבירה. שפעטער ווען מען גייט אים ווידעראמאל מוכיח זיין, וועט דאס ערוועקן ער זאל זיך געזעגנען אפשאקלען פון די עבירה.

מיר געפונען אין חז"ל (מדרש ב"ר נד, ג), **'כל אהבה שאין עמה תוכחה אינה אהבה'** ליבשאפט וואס פארמאגט נישט מיט זיך תוכחה איז נישט קיין ריכטיגע ליבשאפט. נאך שטייט אין גמרא (ערכין טז:) דורך תוכחה טוט מען פארמערן אהבה צו דער מוכיח.

זעט מען פון חז"ל, תוכחה איז א וויכטיגע יסוד אין ליבשאפט, און דאס גאר פארשטערקערן אהבה. קומט אויס, אז ריכטיגע תוכחה איז נאר ביז עס טוט פארמערן ליבשאפט פארן מוכיח, און נישט ח"ו שנאה.

לויט דעם קען מען פארטייטשן די דאפעלטע לשון הפסוק, די פסוק פאנגט אן: **'הוכח'** - זיי מוכיח דיין חבר ביז ער טוט עפעס נישט ריכטיג. און ווען דו זעסט אז עס איז א ריכטיגע תוכחה, דורכדעם וואס דיין חבר האט דיר ליב אפילו נאכדעם וואס דו האסט אים געגעבן מוסר, זאלסטו וויסן אז דאס איז א ריכטיגע תוכחה.

און אויף אזא פאל זאגט די פסוק ווייטער, אויב ער האט זיך נאך נישט אפגעשאקלט פון די עבירה (ווי אויבן דערמאנט אז פונעם ערשטן מאל טוט ער זיך נאכנישט אפשאקלען פון די עבירה): **'תוכיח'** זאלסטו אים ווייטער מוכיח זיין, אזוי ארום וועט ער זיך איינגאנצן אפשאקלען פון די עבירה.

אויב אבער דו זעסט אז די ערשטע תוכחה איז נישט געווען א ריכטיגע תוכחה, דורכדעם וואס עס האט נישט געברענגט ליבשאפט פארן מוכיח, נאר פארקערט עס האט געברענגט שנאה.

דאן זיי אים נישט ווייטער מוכיח, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ט, ח) **אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ.** און אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (יבמות סה:) **'כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע'.**

(פרשתינו אות ד')

### געוואלדיגע סגולה פאר קבלת התפלות | ערקלערונג אינעם הפסוק 'אהבתי' כי ישמע ה'

**לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה' (יט, יח):** עס ווערט געברענגט פון 'אריז"ל' (אין ספר שער הכוונות), א סגולה אז די תפלות פון א מענטש זאל אנגענומען ווערן, מען זאל זאגן איידער מען פאנגט אן צו דאווענען, די פאלגענדע ווערטער: **'הריני מקבל עלי מצות עשה של וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ'.** דאס איז א סגולה אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן. (די ספרים הק' ערקלערן דער טעם, דורכדעם וואס מען רעכנט זיך אריין צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל, און מ'טוט זיך נישט ארויסשטעלן אלץ א יחיד וואס בעט פערזענליכע בקשות, איז א סגולה אז דער באשעפער זאל צוהערן די תפילות וועלכע ווערט געבעטן בלשון רבים).

דער 'אריז"ל' פירט אויס אויף די אויבנדערמאנטע סגולה: **וזו סגולה אמיתית שתקובל תפלתו כמו תפלת כל ישראל.**

לויט דעם קען מען טייטשן דער פסוק אין 'תהלים' (קטז, א), **אָהַבְתִּי כִּי יִשְׁמַע יְיָ אֶת קוֹלִי תַּחֲנוּנָי וגו'.** לכאורה וואלט מער געפּאַסט די לשון **'תָּאַבְתִּי'** ('איך וויל און גלוסט'), **כי ישמע ה'** (אז דער אויבערשטער זאל אויסהערן מיין געבעט).

אבער לויט די אויבנדערמאנטע ווערטער פון אריז"ל קען מען פארטייטשן ווי פאלגענד: **'אהבתי'**, איך האב ליב כלל ישראל, און ווען איך דאווען רעכען איז זיך אריין צוזאמען מיט די תפילות פון כלל ישראל. דעריבער, **ישמע ה' את קולי תחנוני**, הערט דער אויבערשטער אויס מיין געבעט און איז מקבל מיינע תפילות.

(פרשתינו אות ח')

השתתפו עמנו.
יחד נכניס את אור תורת 'זרע שמשון' למקומות נוספים!
בתרומה קבועה או חד פעמית הנכם שותפים
לכל הפצת תורת המחבר בכל העולם
**ותראו ישועות ונפלאות**
ארץ ישראל: 05271-66450 ארה"ב: 347-496-5657
ניתן לתרום בכרטיס אשראי 24 שעות ביממה
ע"י מערכת ממוחשבת מאובטחת: 02-80-80-500 שלוחה 3

**הופיע**
הננו להודיע כי יצא לאור הספר הראשון שחיבר רבנו הזרע שמשון ספר **'תולדות שמשון'** על פרקי אבות בהוצאה מפוארת באותיות גדולות מאירות עיניים ומנוקד
ניתן להשיג בחנויות הספרים ארץ ישראל, ארה"ב, לונדון
לפרטים 05271-66450 347-496-5657

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצייגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

זרע שמשון
האיגוד העולמי להפצת תורת
מתוך הבטחתו והבטחת המחבר: ועיניכם תראינה בנים ובני בנים כשתילי זיתים סביב לשלחנכם, חכמים ונבונים, ותחיו מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא ימושו מזרעכם.
מוה"ר שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני נלב"ע ו' אלול תק"ט

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גליקצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו